הדלקת הנרות
7:20
זמן מוצאי שבת
8:48
סוף זמן קרי"ש 9:00

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

פרשת אחרי – שבת הגדול
חג הפסח
זמן חירותינו
שנה ג' - גליון ק"ח
י"ב ניסן שנת תשע"א לפ"ק

**די "קינדערגארטן ווינקל" וואונטשט פאר אלע קינדער און עלטערן א גוט שבת א פרייליכן יום טוב און א כשר'ן פסח**

## פארווארט

## הודו לד' כי טוב!

ברוב שבח והודי' דאנקען מיר השי"ת אויף די אלע חסדים המרובים, עס איז ב"ה אדורך דער ווינטער זמן מיט סייעתא דשמיא און מיר זענען מתפלל און האפן צום באשעפער אויף ווייטער.

דער ווינטער זמן פון יאהר תשע"א וועט בלייבן צו געדענקען. די קינדער ב"ה האבן אסאך אינטערעסאנטע זאכן געלערנט מען האט שיין פארברענגט אין א רוחניות'דיגע אטמאספערע א יעדן איינציגן טאג, אינהאלטס'רייכע לימודים מיט פאסיגע אקטיוויטעטן אלעס ב"ה אהער געשטעלט לתועלת התלמידים ווי די לימודים ווערן איבערגעגעבן פאר די תלמידים אויף א מייסטערהאפטיגן וועג אויף אן אופן וואס גיבט אריין פאר די קינדערלעך א שטארקן חשק און ליבשאפט צום חדר ב"ה.

השי"ת זאל אונז ווייטער העלפן מיט שטענדיגע סייעתא דשמיא און אלע עלטערן זאלן שטענדיג זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער עמו"ש גרינגערהייט מיט א פרייליכן געמיט און מיר זאלן אלע האבן א פרייליכן יום טוב און א כשר'ן פסח מיט פיל השפעות און שעפן נחת פון די קינדער. אכי"ר

## "בדיקת חמץ" חדר

**עס וועט** זיין א הערליכע פראגראם פאר די קינדער ווי מיר וועלן אי"ה צושטעלן א ספעציעלן חדר פאר **זונטאג דעם טאג פון בדיקת חמץ**. אזוי ווי שוין געמאלדן אויף א ספעציעלע מודעה, ווי די קינדער וועלן שטארק הנאה האבן בעז"ה. מען וועט דארפן ברענגען די קינדער **10:30** און אויפפיקן **3:15** שארף **צוליב די רוהיגקייט פון די קינדער וועט נישט זיין קיין טראנספארטעישאן**. מיר וועלן געבן צו עסן פיינע פרישטאג און מיטאג גאר געשמאק, אויך וועט זיין א הערליכע ערשיינונג פאר די קינדער בעז"ה. **פרייז ביים טיר $12**

## די קינדער זענען בודק חמץ

**עטליכע קלאסן:** מיין רבי רופט אויס אין חדר, קינדער! מען גייט שוין בודק חמץ זיין, דא אין חדר ווילן מיר יעצט מאכן "בדיקת חמץ". די רבי נעמט אלע דריי זאכן וואס מען נעמט צו די מצוה, א ליכט, א פעדער, און א לעפל. מיר האבן באהאלטן צעהן ברעקלעך ברויט אין א פעיפער, ווי דער מנהג איז אז די מאמע באהאלט דאס אינדערהיים פאר די טאטע איז בודק חמץ, קיינער זאגט נישט אויס פאר די רבי, זאל ער אליין אויפזוכן... דער רבי נעמט זיך צו די ארבעט מען זוכט און מען זוכט, ביי אונז קינדער איז שוין די שמחה גאר שטארק אלע צוזאמען זענען דערביי. ענדליך טרעפט מען נאך א ברעקל און נאך א ברעקל ביז מען האט שוין געטראפן אלע צעהן ברעקלעך. מיין רבי זאגט אונז: אט אזוי גייט מען שוין טוהן ביי אונז אינדערהיים . איך קען שוין קויםווארטן דערויף.

## א "סדר נאכט" מיט די קינדער

**עטליכע קלאסן:** ווען מיר האבן שוין גע'ענדיגט די הגדה'לעך האט אונז מיין רבי געזאגט אז מען וועט איבערגיין מיט אלע קינדער אינאיינעם די הגדה פון אינעווייניג מיט אלע זאכן וואס מען טוט ביי די סדר נאכט. מען רוקט די טישן צוזאם און מען דעקט טיש א ווייסע טישטוך, מיין רבי לייגט ארויף א מצה טאש, גרעיפ דזשוס, א בעכער. און טוט אן א ווייסע קיטל, אלע קינדער מישן אויף די הגדה, מען זאגט צוזאמען קדש ורחץ, מען ריקט צוזאמען א יעדע זאך פון די הגדה, די מצות פון די האלטער אריין אין ארויס דארט ווי מען דארף א. א. וו. מען מישט א בלעטל נאך א בלעטל, מיר האבן הנאה און קוועלן פון אונזערע האנט ארבייט. מיר זענען געזיצן מיט א רוהיגקייט און א פרייליכן געמיהט און אויסגעהערט ווי אונזער רבי ברענגט אין אונז אריין דעם שמחת יום טוב, און טוט אונז מיט נעמען אין די מצוות לויט אונזער דרגה וויפיל מיר פארשטייען און וויפיל מיר האבן געלערנט. מיר קענען שוין קוים ווארטן ווען עס וועט שוין זיין די עכטע "סדר נאכט".

**א הארציגן יישר כח פאר האברך היקר ר' יואל ברד"ש גאלדבערגער הי"ו**
**פארן מנדב זיין די באקסעס פאר צו איינפאקן די הגדות און אלע זאכן אויף פסח**

## חכמה'לעך

**ווען מ'האט געפרעגט משה אברהם ווען מען האט געבוירן א מיידל בעיבי? האט ער געזאגט: א קידוש השם...**

**יודא לייב איז נעכטן געווען ברוגז אויף איינעם האט ער געזאגט: דו ביזט א חמץ!...**

**ווען אברהם יצחק האט איבערגעזאגט די מכות האט ער געזאגט: כינים-לייז "ארעמע" חיות...**

**יעקב וואלוועלע האט געזוכט די הכשר אויף א "סיריעל באקס" האט ער געזאגט: אמת א גוי'אישע הכשר איז מיט ABC ...**

## מזל טוב ווינטשער

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד אהרן דוד ב"ר מיכאל איצקאוויטש נ"י**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

רבי ירמי' לעווי שליט"א און רבי וואלף בער שווארץ שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד נחמן ב"ר נטע מרדכי קויפמאן נ"י**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' הערשל פעקעטע שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד ישעי' ב"ר אברהם מייער נ"י**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' הערשל פעקעטע שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד ישראל וואלף ב"ר אברהם מייער נ"י**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

רבי ירמי' לעווי שליט"א און רבי וואלף בער שווארץ שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד משה נחמן ב"ר ישראל שמחה לאנדא נ"י**

לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

רבי אברהם ג'ברא שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד דוד ב"ר יעקב יואל גליק נ"י**

לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

רבי בנימין כהן שליט"א און רבי יואל שמאיע שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד יצחק ליפא ב"ר אברהם בער דייטש נ"י**

לכבוד זיין שוועסטער איז געווארן א כלה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' יצחק אליעזר יאקאב שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד יואל יושע ב"ר מרדכי ארי' שפיטצער נ"י**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' הערשל פעקעטע שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד הערשל ב"ר שלמה יואל פאגעל נ"י**

לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

רבי בנימין כהן שליט"א און רבי יואל שמאיע שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד שלמה ב"ר אליעזר מאשקאוויטש נ"י**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' אברהם בערגער שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד רפאל דוד ב"ר אברהם ג'ברא נ"י**

לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' הערשל פעקעטע שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד שלמה דוד ב"ר יואל קליין נ"י**

לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' הערשל פעקעטע שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד יצחק טובי' ב"ר קלמן אליעזר רובינשטיין נ"י**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

רבי ירמי' מאיר פאגעל שליט"א און רבי שמואל ברוך קאהן שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד אורי נחום ב"ר שמואל ברוך קאהן נ"י**

לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' מנחם מענדל פארקאש שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד אלי' ב"ר יואל פוקס נ"י**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

רבי ברוך הורוויץ שליט"א און רבי יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד נפתלי בן הרב שלום לאנדא נ"י**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

רבי ירמי' מאיר פאגעל שליט"א און רבי שמואל ברוך קאהן שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד נחמן ב"ר נטע מרדכי קויפמאן נ"י**

לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' הערשל פעקעטע שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד חיים אלישע ב"ר יואל שטערן נ"י**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

רבי ברוך הורוויץ שליט"א און רבי יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד משה ארי' ב"ר יעקב יוסף שיק נ"י**

לכבוד זיין פעטערס בר מצוה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

רבי ברוך הורוויץ שליט"א און רבי יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד משה הערש ב"ר יואל פוקס נ"י**

לכבוד זיין ברודערס אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' יואל יצחק ראטה שליט"א

**ברכת מזל טוב**

**פאר הילד יצחק ב"ר פישל ליכטענשטיין נ"י**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

רבי ברוך הורוויץ שליט"א און רבי יואל לעבאוויטש שליט"א

### ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד הרה"ח ר' משה נח גאלדשטיין שליט"א **לכבוד די געבורט פון זיין מיידל בעיבי למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת** דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט די ב"ב איר מגדל זיין גרינגערהייט לבעל תורה ולחופה ולמעשים טובים מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר - **ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און אייערע תלמידים**

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**

## ספעציעלע דאנק פון מנהל

**מיר ווילן זיך זייער באדאנקען פאר די פולע חשוב'ע עלטערן וואס האבן אזוי שיין צוגעהאלפן צו קענען אריין ברענגען ביי די חשוב'ע מלמדים א שמחת יום טוב. השי"ת זאל אייך העלפן מיט אלעס גוט'ס און אייך בענטשן מיט געזונט פרנסה נחת פון אלע אייערע קינדער געזונטערהייט און א פרייליכן כשר'ן פסח מיט א שמחת יו"ט. אמן.**

## מעסעדזש פון מנהל

אלע זאכן אויף פסח האט מען שיין איינגעפאקט אין א ספעציעלע באקס צוזאמען מיט די קינדער. עס איז פאר זיי א גרויסע שמחה א יעדע איינציגע זאך פונעם באקס. אדרבה! עס לוינט זיך אנצוגרייטן א פאר מינוטן און לאזט אייער קינד זאל אייך באווייזן זיין הערליכע ארבייט און טוט ארויסווייזן פארן קינד התפעלות מיט א אינטערעסע פון זיין ארבייט מיט א גוט ווארט, און דערנאך דאס אוועק שטעלן אויף פסח עס זאל בלייבן אפגעהיטן פון חמץ כדי דאס צו קענען נוצן אויף יום טוב און ביים סדר זאל ער דאס נוצן מיט הנאה. אויך א ספעציעלע בריוו וויכטיג פאר די עלטערן וועגן יו"ט פסח פאר יעדן קינד און זיין שאלות ביכל.

אסרו חג הייבט זיך אן חדר 2 שעה שפעטער ווי געווענליך.

**א גוט שבת א גוט יום טוב און א חג כשר ושמח**